בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון ה'

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת ויקרא תשפ"ג

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

זוּנְטָאג פַּרְשַׁת וָאֵרָא תשפ"ג אִין עִיה"ק יְרוּשָׁלַיִם תובב"א

**מִיר בְּרֶענְגֶען אַייךְ דָא דֶעם לֶעצְטְן חֵלֶק פוּנֶעם שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי מְחַנְּכִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם זוּנְטָאג פַּרְשַׁת וָאֵרָא. יֶעדֶע עִנְיָן פוּנֶעם שִׁיעוּר פַאר זִיךְ אִיז פוּל מִיט פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכָה בְּעִנְיָנֵי חִינּוּךְ.**

### לֶעבְּן אַן אוֹיסְגֶעלֵייזְטֶע לֶעבְּן

אִיךְ ווִיל מְחַזֵּק זַיין דִי לֶערֶערִינְס פוּן 'בֵּית פֵיגָא'; אוּנְזֶער שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע 'בֵּית פֵיגָא' אִין אַמֶערִיקֶע הָאט זִיךְ אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַזוֹי, אִין אָנְהֵייבּ הָאט מֶען גֶעאַרְבֶּעט בִּיטֶער אוּן שְׁוֶוער, אָבֶער בָּרוּךְ הַשֵּׁם הַיינְט זֶעט מֶען דִי פֵּירוֹת, דִי תַּלְמִידוֹת פוּן 'בֵּית פֵיגָא' לֶעבְּן אַן אוֹיסְגֶעלֵייזְטֶע לֶעבְּן.

אִין אַמֶערִיקֶע לֶעבְּן דִי מֵיידְלֶעךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט זֵייעֶרֶע חַבֶרְ'טֶעס, אַסַאךְ מֵיידְלֶעךְ וָואלְטְן בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוָואלְט חֲתוּנָה הָאבְּן, מֶען הָאט חֲתוּנָה נָאר 'וַוייל יֶעדֶער הָאט חֲתוּנָה'. מֶען ווִיל נִישְׁט זַיין דִי 'עֶרְשְׁטֶע כַּלָּה' פוּן דִי כִּתָּה, וֶוען מֶען טְרָאגְט אָן אַ שִׁידוּךְ הֵייבְּט מֶען אָן וֵויינֶען, מֶען ווִיל נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן, עֶס וֶוערְט תִּשְׁעָה בְּאָב אִינְדֶערְהֵיים, דִי 'צְוֵוייטֶע כַּלָּה' אִיז שׁוֹין גְרִינְגֶער מַסְכִּים צוּם שִׁידוּךְ, וַוייל זִי הָאט שׁוֹין אַ פְרֶענְד אַ כַּלָּה, אַזוֹי גֵייט עֶס בִּיז דִי לֶעצְטֶע פוּן דִי כִּתָּה, דִי לֶעצְטֶע וֵויינְט שׁוֹין אַז זִי ווִיל יָא חֲתוּנָה הָאבְּן, 'וַוייל יֶעדֶער הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט'... אוּן אַזוֹי גֵייט עֶס אוֹיךְ וַוייטֶער נָאךְ דִי חֲתוּנָה, דִי פְרוֹי אִיז אַ גַאנְצְן טָאג פַארְנוּמֶען מִיט אִירֶע פְרֶענְדְס, אוּן דֶער מַאן טְרֶעפְט נִישְׁט קַיין פְּלַאץ פַאר זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, מוּז עֶר זִיךְ זוּכְן חֲבֵרִים מִיט וֶועמֶען עֶר זָאל קֶענֶען שְׁמוּעֶסְן אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען.

### עֶס קוּמְט אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע לֶעבְּן

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז בַּיי אוּנְז גְרֵייט מֶען שׁוֹין צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דִי בַּת מִצְוָה, בַּיי דִי צְוֶועלְף דְרַייצְן יָאר, נָאכְנִישְׁט אוֹיף יֶעצְט צוּ חֲתוּנָה הָאבְּן, אָבֶער מֶען רֶעדְט אַז פְרֶענְדְס אִיז פוּנְקְט גוּט אַמָאל אַמָאל זִיךְ צוּ טְרֶעפְן וְכוּ', עֶס קוּמְט אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע לֶעבְּן, מִיט אַ מַאן אוּן לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, אַז אַלֶע קִינְדֶער וַוארְטְן שׁוֹין אוֹיף דֶעם, זֵיי ווִילְן שׁוֹין אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם.

### רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָּׁה

מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָּׁה, פוּן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג; פוּן נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיפְ'ן אוֹת הַבְּרִית. מֶען דַארְף רֶעדְן מִיט אַ בְּרֶען, מִיט אַ פֵייעֶר, עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אִין דִי קִינְדֶערְ'ס הֶערְצֶער, מֶען רֶעדְט נִישְׁט מִיט רְמָזִים, נָאר מֶען זָאגְט קְלָאר אוּן דֵייטְלִיךְ מִיט פֵייעֶר: **"מֶען טָאר נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ", "מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיפְ'ן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ".**

### מֶען דַארְף אָנְגְרֵייטְן דִי קִינְדֶער

אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר שַׁבָּת פַארְ'ן דַאוֶונֶען, דֶערְצֵיילְט עֶר מִיר אַז מֶען הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן דִי מוֹסָד וואוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד וַוייל עֶר רֶעדְט פוּן קְדוּשָּׁה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּ זִיךְ קוּמֶען, אִיךְ הָאבּ כִּמְעַט אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ גֵיי מַאכְן אַ גַאנְצֶע דְרָשָׁה פוּן דֶעם עִנְיָן, אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעפִירְט אַז אִיךְ הָאבּ פַארְגֶעסְן צוּ רֶעדְן דֶערְפוּן. אַסַאךְ מָאל גְרֵייט אִיךְ זִיךְ אָן צוּ רֶעדְן פוּן אַן עִנְיָן אוּן וֶוען עֶס קוּמְט צוּם רֶעדְן, רֶעד אִיךְ פוּן אִינְגַאנְצְן אַן אַנְדֶערֶע עִנְיָן, מֶען רֶעדְט אַלְץ לוֹיט דִי דַעַת פוּן דִי מְקַבְּלִים, זֶעט אוֹיס וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפִיל מְלַמְּדִים בַּיים שִׁיעוּר.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט גֶעזָאגְט פַאר דֶעם מְלַמֵּד: **"דוּ זָאלְסְט רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָּׁה"**, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט אַז אִין דֶעם מוֹסָד וואוּ עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט, הַאלְט פוּן דֶעם פַארְדְרֵייטְן שִׁיטָה אַז מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָּׁה, אוּן עֶר קֶען דוּרְכְדֶעם פַארְלִירְן זַיין פַּרְנָסָה, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: **"מֶען מוּז רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָּׁה"**, יֶעצְט זָאגְט עֶר מִיר אַז מֶען הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן צוּלִיבּ דֶעם, עֶס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט גְלֵייבְּן אַזַא זַאךְ, מֶען וַוארְפְט אַרוֹיס אַ מְלַמֵּד וָואס זָאגְט פַאר קִינְדֶער אַז מֶען טָאר נִישְׁט לֵייגְן דִי הֶענְט אוֹיפְ'ן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ?! וָואס הָאט עֶר גֶעזָאגְט? עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט דָאס נִישְׁט טוּן אוּן מֶען דַארְף זַיין עֶרְלִיךְ אוּן אָפְּגֶעהִיטְן?!

מִיר פָאלְגְן דִי צַדִּיקִים פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת, מִיר גֵייעֶן אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן, אַזוֹי ווִי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (שִׁיר הַשִּׁירִים א, ח): **"צְאִי לָךְ בְּעִקְבֵי הַצֹּאן"**; אַזוֹי הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט פַאר דִי מְלַמְּדִים, מֶען דַארְף אָנְגְרֵייטְן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין הֵיילִיג, זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין דִי הֶענְט פוּן מְנֻוָּולִים.

### קְלֶעבֶּעדִיגֶע קִינְדֶער

אוֹיךְ דַארְף מֶען זֶען אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט קְלֶעבְּן אֵיינֶער אוֹיפְ'ן אַנְדֶערְן, עֶס אִיז דָא קְלֶעבֶּעדִיגֶע קִינְדֶער וָואס זִיצְן אָדֶער לִיגְן שְׁטֶענְדִיג אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, דַארְף דֶער מְלַמֵּד דָאס דֶערְשְׁמֶעקְן צִי דָאס קוּמְט פָאר צְווִישְׁן קִינְדֶער אִין זַיין כִּתָּה, אוּן עֶר זָאל דָאס אוֹיסְלֶערְנֶען, מֶען קֶען נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער דֶערוֹיף, אָבֶער אַז מֶען זֶעט אַ קִינְד לֵייגְט זִיךְ אַרָאפּ אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע קִינְד, זָאגְט מֶען אִים: **"טוּ דָאס נִישְׁט, דָאס אִיז נִישְׁט אֵיידְל".**

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶונְט פַארְ'ן עָמוּד זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען קִינְדֶער נֶעבְּן מִיר בַּיים אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ, עֶטְלִיכֶע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעקְלֶעבְּט אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעטוּן קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן חַס וְשָׁלוֹם, אָבֶער דָאס טוּט מֶען אוֹיךְ נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: 'וואוּ זֶענֶען זֵייעֶרֶע

פארזעצונג אין עמוד ב' >>>

# שְׁעוּרִים אִין חִנּוּךְ

המשך

זוּנְטָאג פָּרָשַׁת וָאֵרָא תשפ"ג אִין עִיה"ק יְרוּשָׁלַיִם תובב"א

>>> פארזעצונג פון עמוד א'

טַאטֶע'ס?' פַאר מַיין קִינְד וָואלְט אִיךְ גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט אֵיידְל, מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן אַ קְלֵיין קִינְד פוּן צְוֵויי דְרֵיי יָאר, מֶען רֶעדְט פוּן פִיר פִינְף יֶערִיגֶע קִינְדֶער, אִין דֶעם עֶלְטֶער זָאג אִיךְ שׁוֹין פַאר מַיינֶע קִינְדֶער: **"שֶׁעפֶּעלֶע, דוּ קֶענְסְט שְׁטֵיין אַלֵיינְס, קְלֶעבּ זִיךְ נִישְׁט מִיט אַן אַנְדֶערֶע קִינְד"**, מֶען דַארְף הַאלְטְן אַן עֵינָא פְּקִיחָא אוֹיף דֶעם.

### שְׁרַייבְּן בְּרִיוְון

בַּיי מִיר זֶענֶען דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ, דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאךְ. אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז עֶטְץ וֶועטְס מִיר שְׁרַייבְּן בְּרִיוְון; אִיךְ בַּאקוּם יֶעדְן טָאג אַסַאךְ בְּרִיוְון פוּן מֶענְטְשְׁן, עֶס קֶען אָנְקוּמֶען אִין אֵיין טָאג פוּפְצִיג בְּרִיוְון. מֶענְטְשְׁן הָאבְּן מִיר הַיינְט גֶעפְרֶעגְט: **"וָואס זָאל אִיךְ טוּן, אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט אַ שְׁאֵלָה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט מִיר נִישְׁט"**, הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"שְׁרַייבּ עֶס נָאכְאַמָאל"**. וַוייל אִין אִימֶעיל גֵייט עֶס, אַז דִי נֵייעֶ בְּרִיוְון גֵייט פוּן אוֹיבְן אוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע בְּרִיוְון פַאלְן אַרָאפּ אוּנְטְן, אוּן בְּשַׁעַת אִיךְ הֵייבּ אָן לֵיינֶען בְּרִיוְון קוּמְט כְּסֵדֶר אָן פְרִישֶׁע בְּרִיוְון, קוּם אִיךְ נִישְׁט אָן צוּ לֵיינֶען אַלֶע בְּרִיוְון, דַארְף מֶען אִיבֶּער שִׁיקְן דִי זֶעלְבֶּע בְּרִיוו נָאכְאַמָאל.

אוֹיךְ פָאר אִיךְ אַסַאךְ מָאל אַוֶועק אִין שְׁטֶעטְל, קוּמְט אוֹיס אַז דֶעם טָאג לֵיין אִיךְ נִישְׁט קַיין אֵיין בְּרִיוו, אוּן בִּכְלַל בִּין אִיךְ קוֹים אִין אָפִיס, אִיךְ הָאבּ דָאךְ מַיינֶע צַייטְן וָואס אִיךְ בִּין אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ לֶערְן פָאר שִׁיעוּרִים אוּן אִיךְ בִּין מִיט דִי בָּחוּרִים, דִי גַאנְצֶע 'עֲצָתוֹ אֱמוּנָה' אִיז פוּן דָאס בִּיסְל צַייט וָואס אִיךְ כַאפּ זִיךְ אַרוֹיס צוּ שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו דָא אוּן אַ בְּרִיוו דָארְט, אוּן אִיךְ לוֹיף גְלַייךְ צוּרִיק צוּ דִי בָּחוּרִים.

אָבֶּער פַאר מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס פְּרוּבִּיר אִיךְ יָא צוּ מַאכְן צַייט צוּ לֵיינֶען אוּן עֶנְטְפֶערְן זֵייעֶרֶע שְׁאֵלוֹת, וַוייל דָאס אִיז בַּי מִיר חָשׁוּבְ'עֶר פוּן אַלֶעס.

### אַ שָׁעָה פְרִישְׁטָאג אִיז זֵייעֶר לַאנְג

דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר פוּן יְשִׁיבָה קְטַנָּה הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוֹיבּ אַ שָׁעָה פְרִישְׁטָאג אִיז צוּ לַאנְג פַאר יוּנְגֶע בָּחוּרִים, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעעֶנְטְפֶערְט: אַ שָׁעָה פְרִישְׁטָאג אִיז זֵייעֶר לַאנְג פַאר יוּנְגֶע בָּחוּרִים; מֶען דַארְף מַאכְן אַ שְׁטַארְקֶע סֵדֶר הַלִּימוּד אִין דִי פַארְמִיטָאג שָׁעָה'ן; דִי יוּנְגֶע בָּחוּרִים וָואס לֶערְנֶען אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג בַּיי מַיין זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט אַ שָׁעָה פְרִישְׁטָאג.

נָאכְמִיטָאג קֶען מֶען שׁוֹין לָאזְן לֶענְגֶער פְרֵיי, דִי בָּחוּרִים זָאלְן הֶעלְפְן מִיט וָואס זֵיי קֶענֶען, אָבֶּער אִינְדֶערְפְרִי אִיז אַ שָׁאד אַוֶועק צוּ גֶעבְּן אַזוֹיפִיל צַייט אוּמְזִיסְט.

דִי בָּחוּרִים דַארְפְן נִישְׁט זִיצְן אוֹיף אֵיין פְּלַאץ דְרֵיי אוּן הַאלְבּ שָׁעָה אוּן לֶערְנֶען, מֶען קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען אַזוֹי לַאנְג אוּן אֵיין צוּ, אָבֶּער מֶען דַארְף אָנְפִילְן דִי צַייט; מֶען גֵייט אַרוֹיף צוּם שִׁיעוּר, נָאכְדֶעם קוּמְט מֶען צוּרִיק אַרָאפּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, נָאכְדֶעם גֵייט מֶען צוּרִיק אַרוֹיף אוּן מֶען לֶערְנְט פָאר אַ בְּרִיוו וְכַדוֹמֶה, אַזוֹי פִילְט מֶען אָן דֶעם טָאג. וֶוען אַ בָּחוּר וֶוערְט שׁוֹין עֶלְטֶער מוּז עֶר זִיךְ שׁוֹין אַלֵיינְס אוֹיסְלֶערְנֶען וֶוען צוּ קוּמֶען אוּן וֶוען צוּ גֵיין, אָבֶּער פַאר יוּנְגֶע בָּחוּרִים מוּז מֶען אוֹיסְשְׁטֶעלְן אַ סֵדֶר הַיּוֹם.

### שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַ מְלַמֵּד וָואס אִיז אַ בָּחוּר: דוּ זָאלְסְט זִיךְ מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְקְן, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סב:): וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה, עֶר לֶעבְּט אַלֵיינְס אָן אַ וַוייבּ, דֶער לֶעבְּט אָן קַיין שִׂמְחָה; זָאלְסְטוּ זִיךְ מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן דוּ וֶועסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ, אַז מֶען טוּט פַארְ'ן רֶבִּי'ן, מֶען בּוֹיעֶט אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער בַּאקוּמְט מֶען שֵׁיינֶע זַאכְן.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָּאָה גֶעהַאט צוּ זַיין אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶנְק זָאלְן הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה.

## חִיזּוּק פַאר מְלַמְּדִים

אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּנֶעם 'דַף שִׁיעוּר' פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**פַארְגַאנְגֶענֶעם שׁוּשַׁן פּוּרִים נָאכְן שִׁיעוּר פוּנֶעם בְּלַאט גְמָרָא, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶערֶעדְט עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער חִיזּוּק פַאר מְלַמְּדִים בְּנוֹגֵעַ דָאס וִויכְטִיגְקֵייט פוּן דִי יֶעצְטִיגֶע צַייט אִין חֵדֶר.**

אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן דָא עֶטְלִיכֶע מְלַמְּדִים אוּן אוֹיךְ אִינְגֶעלַייט וָואס גֵייעֶן וֶוערְן מְלַמְּדִים, וִויל אִיךְ רֶעדְן צוּ זֵיי אַפָּאר וֶוערְטֶער.

### אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת

וֶוען מֶען נֶעמְט אוֹיף סַיי וֶועלְכֶע אַרְבֶּעטֶער, אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוער עֶר אִיז, מֶען נֶעמְט אַרְבֶּעטֶערְס פוּן אִיבֶּעראַל, פוּן אַלֶע חֲסִידוּתְ'עֶר אוּן קְהִלּוֹת; אָבֶּער אַ מְלַמֵּד אִיז אַן אַחְרָיוּתְ'דִיגֶע אַרְבֶּעט, מֶען דַארְף נֶעמֶען אַזֶעלְכֶע מְלַמְּדִים וָואס קֶענֶען אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת.

### זֵייעֶר קְרִיטִישֶׁע טֶעג פַאר מְלַמְּדִים

יֶעצְט קוּמְט זֵייעֶר קְרִיטִישֶׁע טֶעג פַאר מְלַמְּדִים. דִי בָּחוּרִים זָאגְן מִיר יֶעדֶעס יָאר זוּמֶער:

"בְּעֶצֶם דַארְף מֶען הָאבְּן דִי יְשִׁיבָה נָאר פַאר דִי אַכְט וָואכְן פוּן זוּמֶער, דֶעמָאלְט אִיז מֶען דָאס מֶערְסְטֶע קוֹנֶה אִין יְשִׁיבָה, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זִיצְט דֶעמָאלְט פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה מִיט דִי בָּחוּרִים, נָאר מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט עֶפֶענֶען אַ יְשִׁיבָה בְּלוֹיז פַאר אַכְט וָואכְן אַ יָאר, הָאט מֶען אַ גַאנְץ יָאר דִי יְשִׁיבָה, צוּלִיבּ דִי אַכְט וָואכְן פוּן זוּמֶער..."

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט דִי מְלַמְּדִים; בְּעֶצֶם דַארְף מֶען הָאבְּן דֶעם מְלַמֵּד נָאר פַאר דִי צַייט אִין יָאר, **פוּן פּוּרִים בִּיז פֶּסַח**, דֶער מְלַמֵּד זָאל אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ שְׁטַארְק אֱמוּנָה, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פוּן מִצְרַיִם, פוּן דִי מַכּוֹת, עֶר זָאל רֶעדְן פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִּיקִים, נָאר מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט מַאכְן חֵדֶר נָאר פוּן פּוּרִים בִּיז פֶּסַח, מַאכְט מֶען שׁוֹין אוֹיךְ חֵדֶר אַ גַאנְץ יָאר!

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מְלַמֵּד, וָואס לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אֱמוּנָה אִין צַדִּיקִים.

## קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ

אִין דִי בְּרִיוו אָפְּטֵיילוּנְג

- וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט אַ קִינְד וָואס פָאלְגְט נִישְׁט
- מַאךְ יֶעדְן קִינְד פַאר אַ הֶעלְד, הָאבּ לִיבּ יֶעדְן קִינְד

## חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
**דרוקט: 1-2-4-2**
שמעו ותחי נפשכם

## ווי אזוי געבט מען זיך אן עצה מיט א פאר'חלומ'ט קינד?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

צום ערשט א גרויסן יישר כח פאר אלע שיעורים און חיזוק, ובפרט פאר די חיזוק אויפ'ן סדר דרך הלימוד, יעדעס מאל וואס איך הער עס שטארקט עס מיר פון פריש צוריק צו לויפן צו די הייליגע תורה.

דער אייבערשטער האט מיר געגעבן א ליכטיגער זון, ער איז אבער זייער א פאר'חלומ'טער, ער קען זיצן שעות און זיין פארנומען בלויז מיט זיינע חלומות און פאנטאזיעס. דער מלמד האט נישט קיין פראבלעמען מיט אים, ווייל ער שטערט נישט אין קלאס, ער זיצט רואיג אויף זיין פלאץ, ווען עס קומט אבער צו קענען דאס לערנען, האט ער נישט אנונג וואס מען האט געלערנט אין חדר.

איך פרוביר אביסל צו לערנען מיט אים אינדערהיים, אבער עס איז ממש ווי קריכן אויף די גראדע ווענט, נאר ווען איך שריי אים אן אדער איך גיב אים א פעטשל, דעמאלט וועקט ער זיך אויף און הויבט אן אביסל אויסהערן, אבער עס נעמט נישט לאנג ביז ווען ער ווערט ווידער פאר'חלומ'ט, ביז איך גיי ממש ארויס פון די כלים, איך האב אבער נישט קיין אנדערע אויסוועג, ווייל איך וויל נישט ער זאל אויסוואקסן א ליידיגער שטריק.

איך ווייס אז ער איז נישט שולדיג, ווייל דער אייבערשטער האט אים אזוי באשאפן, אבער איך קען אים נישט לאזן אזוי לויפן, און דאס וואס איך רעג זיך אויף אים קומט דאך נאר מיט א גוטע כוונה אים צו שטעלן אין פלאץ.

ווי אזוי זאל איך זיך אומגיין מיט אים?

יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת במדבר, כ"ה אייר, שנת תש"פ לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך בעט דיר זייער דו זאלסט אכטונג געבן אויף דיין זון אים נישט צו פארשעמען און אים נישט צו צעקלאפן; אז דו וועסט אים אויפהייבן וועסטו ערגעץ אנקומען מיט אים, אבער אויב דו וועסט אים פארשעמען, דו וועסט אים באטיטלען מיט א צונאמען 'חולם', אדער 'פאר'חלום'טער' וכדומה, אדער דו וועסט אים שלאגן ה' ישמרינו - וועסטו אים חרוב מאכן אינגאנצן.

שלמה המלך, דער חכם פון די וועלט לערנט אונז ווי אזוי מחנך צו זיין קינדער (משלי כב, ו): "חנך לנער על פי דרכו, גם כי יזקין לא יסור ממנה"; דאס הייסט מען דארף מחנך זיין קינדער "על פי דרכו" - לויט זיין וועג. יעדעס קינד האט אנדערע נאטורן, אן אנדערע מח און אן אנדערע וועג ווי אזוי ער וואקסט, מען דארף גיין מיט יעדן איינעם אויף זיין וועג. איינער איז א שארפער קאפ - דער צווייטער איז א גראדער קאפ, איינער איז א שנעלער קאפ - דער צווייטער איז א שטייטער קאפ; מיט יעדן קינד דארף מען גיין אויף זיין וועג.

מיר געפונען ביים הייליגן תנא רבי יוחנן בן גדגדא, אז זיינע קינדער זענען געווען טויבע קינדער לא עלינו; דאך זעען מיר וואס חכמינו זכרונם לברכה דערציילן אז זיי זענען געווען ממונה אויף אלע טהרות אין ירושלים (תוספתא תרומות פרק א, ירושלמי שם). זעט מען פון דעם ווי די הייליגע תנאים האבן אויפגעפאסט זייערע קינדער; אפילו זיי זענען געווען טויב לא עלינו, דאך זענען זיי געווען גרויסע צדיקים און זיי האבן געדינט דעם אייבערשטן אויף זייער וועג.

אז דו וועסט האבן סבלנות מיט דיין זון וועט ער אויסוואקסן א געזונטער מענטש, ער וועט אויסוואקסן לויט זיינע כשרונות און דו וועסט האבן אסאך נחת פון אים, אויב אבער דו וועסט אים טשעפען וועט גארנישט בלייבן פון אים.

בעט דעם אייבערשטן יעדן טאג פאר אלע דיינע קינדער זיי זאלן זיין ערליכע אידן און בעט דעם אייבערשטן פאר דעם קינד ער זאל זוכה זיין אז זיין קאפ און מח זאל זיך אים עפענען, ער זאל פארשטיין לערנען און ליב האבן צו לערנען - וועסטו זען גרויסע וואונדער. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה דערציילן אויף דעם אויבנדערמאנטער תנא רבי יוחנן בן גדגדא (חגיגה ג.) אז זיינע איניקלעך זענען אויך געווען טויבע, זיי פלעגן זיצן אין בית המדרש ביי די שיעורים פון דעם הייליגן תנא רבי יהודה הנשיא און זיי פלעגן זיך שאקלען און מאכן מיט זייערע ליפן, האט רבי מתפלל געווען אז זיי זאלן ווערן געזונט ביז זיי זענען געווארן אויס טויב; דאס זאלסטו טון טאג נאך טאג, נאכט נאך נאכט - דאווענען און בעטן דעם אייבערשטן פאר אלע קינדער און פאר דעם קינד, דורכדעם וועסטו זען ניסים.

נאכאמאל, איך בעט דיר און איך ווארן דיר, גיב אכטונג אים נישט צו שלאגן און נישט פארשעמען.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת במדבר, תש"פ)

## איז גענוג בלויז צו בעטן דעם אייבערשטן אויף גוטע קינדער?

**שאלה**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב געליינט אין א בריוו [דער בריוו איז בייגעלייגט צום סוף פון דעם בריוו] ווי דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט פאר א מאמע וואס איר בחור פירט זיך נישט ווי עס דארף צו זיין, אז אויב וויל מען אז די קינדער זאלן זיין וואויל און ערליך, דארף מען אסאך בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם.

איך וויל דאס פארשטיין, אויב דא איז דא זאכן מתקן צו זיין אין שטוב, איז גענוג צו זאגן אז מען וועט בעטן דעם אייבערשטן און מיט דעם איז מען שוין יוצא? איז דען דאס גענוג?

אז די קינדער דארפן זיין מער צניעות'דיג, אז מיין זון וויל קויפן א סמארטפאון, אדער סיי וועלכע פראבלעם עס מאכט זיך אין א שטוב, איז גענוג בלויז צו בעטן דעם אייבערשטן? אדער איז די אחריות פונעם מאן און טאטע צו זיכער מאכן אז עס ווערט טאקע אויסגעפירט למעשה, צו שטיין אויף דעם און זיך קריגן מיט זיי, ביז זיי פירן זיך אויף ווי עס דארף צו זיין.

עס זעט מיר אויס לעכערליך צו זאגן אז מען דארף בלויז בעטן דעם אייבערשטן און גארנישט מער.

יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת עקב, י"ח מנחם-אב, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער בריוו וואס דו האסט געליינט איז אדרעסירט צו עלטערן וואס זייערע קינדער הערן שוין נישט אויס וואס מען זאגט זיי; ווען מען האט דערוואקסענע קינדער וואס זענען נעבעך פארקרארבן השם ישמרינו, זיי ווילן שוין נישט הערן וואס מען רעדט צו זיי - דעמאלט איז נישט שייך צו געבן מוסר, ווייל מיט'ן רעדן מאכט מען נאר ערגער. אויף דעם זאגן חכמינו זכרונם לברכה (עיין יבמות סה:): "כשם שמצוה לומר דבר הנשמע", אזוי ווי עס איז א מצוה צו זאגן מוסר ווען מען נעמט אן וואס מען זאגט, "כך מצוה שלא לומר דבר שאינו נשמע", אזוי איז א מצוה מען זאל נישט זאגן ווען מען ווייסט אז מען וועט דאס נישט אננעמען.

אוודאי דארף מען זאגן פאר קינדער ווי אזוי זיך צו פירן; וואויל איז פאר די עלטערן וואס זענען מחנך די קינדער ווען זיי זענען נאך יונג - ווען זיי הערן נאך אויס וואס מען זאגט זיי, די וועלן שניידן שיינע פירות. קינדער דארף מען מחנך זיין ווען זיי זענען יונג, אך און וויי אז מען איז נישט מחנך קינדער, זיי וועלן ארויסגיין לתרבות רעה.

שלמה המלך זאגט (משלי יג, כד): "חושך שבטו שונא בנו", ווער עס איז נישט מחנך די קינדער האט פיינט זיינע קינדער, "ואהבו שחרו מוסר", ווידער דער וואס איז מחנך די קינדער ווייזט דאס אז ער האט ליב זיינע קינדער.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שמות רבה א, א): ווען א מענטש איז נישט מחנך זיינע קינדער וועלן זיי אראפגיין פון אידישן וועג, אזוי ווי מיר זעהן ביי אברהם אבינו; ווען ער האט געזען ווי ישמעאל קומט אהיים מיט א געטשקע און שפילט זיך מיט עבודה זרה'ס האט ער אים גארנישט געזאגט, ער האט אים געשוינט; ביז ער האט אים געדארפט פארטרייבן פון שטוב כדי ער זאל נישט קאליע מאכן זיין ברודער יצחק. אזוי אויך איז געווען מיט עשו; יצחק אבינו האט ליב געהאט עשו און אים גארנישט געזאגט, צום סוף איז ער ארויס לתרבות

פארזעצונג אין לעצטע עמוד >>>

# המשך
# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ
פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

>>> פארזעצונג פון עמוד ג

רָעָה; זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט נִישְׁט קַיין מוּסָר פַאר זַיינֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג וֶועט עֶר חֲרָטָה הָאבְּן שְׁפֶּעטֶער.

לֵיין אִיבֶּער דִי שְׁאֵלָה מִיט דִי תְּשׁוּבָה וֶועסְטוּ זֶען אַז מֶען רֶעדְט פוּן אַ בָּחוּר וָואס גֵייט אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע וֶועג, עֶר הֶערְט לֵיידֶער נִישְׁט צוּ צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן, אִין אַזַא פַאל אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן מוּסָר, בַּיי דֶעם פַאל זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (מִשְׁלֵי ט, ח): "אַל תּוֹכַח לֵץ", זָאג אִים נִישְׁט קַיין מוּסָר, "פֶּן יִשְׂנָאֶךָּ", וַוייל דוּ וֶועסְט נָאר עֶרְגֶער מַאכְן.

אִין יֶעדְן פַאל דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי קִינְדֶער; אֲפִילוּ מֶען זֶעט ווִי דִי קִינְדֶער פַאלְן אַוֶועק דַארְף מֶען וַוייטֶער מִתְפַּלֵּל זַיין אוֹיף זֵיי, וַוייל תְּפִילָה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלְצְדִינְג. אֲפִילוּ עֶס זֶעט נִישְׁט אוֹיס ווִי מֶען קֶען נָאךְ עֶפֶּעס עֶרְוַוארְטְן, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען אִיז שְׁטַארְק מִיט תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת אִיז מֶען זוֹכֶה בַּיים סוֹף צוּ גְרוֹיסֶע נִיסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת עקב, תשע"ט)

[דֶער בְּרִיוּו צוּ וֶועלְכֶע דֶער אוּיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוּו בַּאצִיט זִיךְ:

## קֶען אַ מַאמֶע בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַנְשְׁטָאט אִיר קִינְד?

שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי וָואס הֶערְט דִי שִׁיעוּרִים, אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶה דֶערְמִיט, אוּן כָאטְשׁ וָואס אִיךְ פְלֶעג אַלְץ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַלְץ אַז יֶעדֶע אִידִישֶׁע פְרוֹי רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ מֶען אִיז נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבֶער, אָבֶּער דִי שִׁיעוּרִים אוּן דְרָשׁוֹת גֶעבְּן מִיר פִיל מֶער חִיזוּק זִיךְ מֶער צוּ שְׁטַארְקְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מַיין בָּחוּר לֶערְנְט אִין אַ יְשִׁיבָה, אָבֶּער עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ שְׁטַארְק בְּרוּחָנִיוּת, עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מַיין הַארְץ בְּלוּטִיגְט אוֹיף דֶעם, אִיךְ וֵויין אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַזוֹי, דֶער בָּחוּר אַלֵיין שְׁפִּירְט נִישְׁט אַז עֶפֶּעס פֶעלְט אִים, עֶר מֵיינְט אַז עֶר ווִיל פָּשׁוּט הֲנָאָה הָאבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט ווִי עֶר גֵייט אוֹיפְ'ן וֶועג אַרָאפּ צוּם שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זִיךְ צוּרִיק כַאפְּן. אִיז דִי שְׁאֵלָה צִי אִיךְ קֶען עֶס טוּן אַנְשְׁטָאט אִים, אַז אִיךְ זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אִים אַז עֶר זָאל זִיךְ צוּרִיק שְׁטֶעלְן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, אָפְּלָאזְן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע כֵּלִים וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶעהַאנְדְלְט צוּ קוּקְן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

אִיז דָאס דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וֶוען אִיךְ בֶּעט אַנְשְׁטָאט אִים? וֶועט דָאס הֶעלְפְן דִי זֶעלְבֶּע ווִי וֶוען עֶר אַלֵיין וָואלְט וֶוען גֶעבֶּעטְן פַאר זִיךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוּו.

וָואס אִיז בִּכְלַל דִי הַוָה אֲמִינָא צִי עֶס הֶעלְפְּט תְּפִילוֹת פוּן אַ מַאמֶע פַאר אִירֶע קִינְדֶער?! אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן בַּאלָאכְטְן דִי וֶועלְט אִיז נָאר וַוייל זֵייעֶרֶע מַאמֶעס פְלֶעגְן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער וָואס וֶועלְן בַּאשַׁיינֶען דִי וֶועלְט.

מוֹהַרָא"שׁ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן אַז אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִים זי"ע גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט אוּן דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד, אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶער תְּהִלִים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער; אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער".

זָאלְט אִיר וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט תְּפִילוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע קִינְדֶער וֶועט אִיר זֶען פִיל נַחַת בַּיי אַלֶע פוּן זֵיי, בִּפְרַט וֶוען אִיר צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ; בֶּעטְס פַאר אַייךְ, פַאר אַייעֶר מַאן, פַאר דֶעם קִינְד וָואס פַאלְט וְכוּ', פַאר אַלֶע אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן פַאר אַלֶע אִידְן. בַּיי דִי שַׁבָּת לִיכְט אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען אוֹיס'פּוֹעֵלְ'ן גְרוֹיסֶע נִיסִים.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעבֶּעטְן זַיין וַוייבּ אוּן זַיינֶע טֶעכְטֶער אַז וֶוען זֵיי צִינְדְן אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְן זֵיי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַזוֹי ווִי אִיךְ צִינְד אָן דִי לִיכְט, אַזוֹי זָאל אָנְגֶעצִינְדְן וֶוערְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס לִיכְט אִין אַלֶע אִידִישֶׁע הֶערְצֶער"**; אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְט אִיר בֶּעטְן בַּיי דִי לִיכְט: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶער אוֹיס מַיין גֶעבֶּעט, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן דִיר דִינֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט, בִּפְרַט מַיין זוּן הַבָּחוּר ..., הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף אִים אוּן עֶפְן אִים זַיין הַארְץ עֶר זָאל נָאר דִיר וֶועלְן, עֶר זָאל אָפְּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, עֶר זָאל הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן אוּן נִישְׁט קוּקְן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַזוֹי ווִי אִיךְ צִינְד יֶעצְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְסְטוּ אִים לִיכְטִיג מַאכְן זַיין לֶעבְּן, עֶס זָאל אַרַיין גֵיין אִין אִים אַ רֵיינֶע גֵייסְט, אַ הֵיילִיגְקֵייט. מַאךְ אוּנְז לִיכְטִיג אוּנְזֶער לֶעבְּן אוּן מַאךְ לִיכְטִיג פַאר אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אַלֶע זָאלְן ווִיסְן פוּן דִיר אוּן אַלֶע זָאלְן ווִיסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. צִינְד אָן ...'ס הַארְץ עֶר זָאל דִיר דִינֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן צִינְד אָן דִי הֶערְצֶער פוּן מַיינֶע קִינְדֶער".**

אַז אִיר הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ שְׁטֵיין קֶענְט אִיר זִיךְ אַרָאפְּזֶעצְן אוּן אַז אִיר קֶענְט נִישְׁט הַאלְטְן דִי הֶענְט אוֹיפְן פָּנִים פַאר לַאנְג, קֶענְט אִיר פָּשׁוּט זִיצְן בַּיי דִי לִיכְט אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בֶּעטְס אוּן בֶּעטְס אוּן שְׁפָּארְטְס נִישְׁט קַיין טְרֶערְן, וַוייל יֶעדֶע טְרֶער אִיז נָאךְ אַ טְרָאפּ וַואסֶער וָואס וֶועט שְׁפַּאלְטְן דִי הֶערְצֶער פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ קוּקְן גוּט אוֹיף אִים; זוּכְטְס אוֹיף גוּטֶע נְקוּדוֹת אוֹיף אַייעֶר זוּן נֵרוֹ יָאִיר אוּן מַאכְט דֶערְפוּן אַן עֵסֶק, וַוייל גֶעוֶוענְלִיךְ זוּכְט מֶען אַלְץ חֶסְרוֹנוֹת אִינֶעם קִינְד. וֶוען מֶען זֶעט עֶפֶּעס וָואס דֶער קִינְד דַארְף פַארְעֶכְטְן הַאלְט מֶען פָאר דֶעם קִינְד, אָבֶּער וֶוען דֶער קִינְד טוּט גוּטְס דֶעמָאלְט זָאגְט מֶען גָארְנִישְׁט, דֶער וֶועג אִיז נִישְׁט קַיין וֶועג; קְלוּגֶע עֶלְטֶערְן מַאכְן פוּן יֶעדֶע גוּטֶע נְקוּדָה אַן עֵסֶק.

אַז אִיר וֶועט קוּקְן גוּט אוֹיף אִים וֶועט אִיר אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אִינְגַאנְצְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהַרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט פוּנֶעם אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעצוֹיגְן קַיין מַארְמַארָאשׁ וואוּ עֶס הָאבְּן גֶעוואוֹינְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹת, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "ווִי אַזוֹי וֶועט דֶער רֶבִּי קֶענֶען פּוֹעֵלְ'ן בַּיי דִי מַארְמַארָאשֶׁע אִידְן זֵיי זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין?" הָאט זֵיי דֶער אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֶועל זֵיי אַזוֹי לִיבּ הָאבְּן, בִּיז זֵיי וֶועלְן פָאלְגְן וָואס אִיךְ לֶערְן זֵיי אוּן וָואס אִיךְ פַארְלַאנְג פוּן זֵיי"; זֶעט מֶען אַז מִיט לִיבְּשַׁאפְט קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵלְ'ן.

שְׁטַארְקְטְס אַייךְ אִין תְּפִילָה, זַייטְס מַמְשִׁיךְ מִיט אַייעֶרֶע תְּפִילוֹת וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת ואתחנן, תשעט)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קוֹל בְּרֶסלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 /קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876